# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת יתרו תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 417



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### שטייגן אין זכות פון השכמה

"וּמֹשֶׁה עָלָה אֶל הָאֱלֹקִים וַיִּקְרָא אֵלָיו ה' מִן הָהָר לֵאמֹר כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל" (יט ג)

אויף די צייט וואס משה רבינו איז ארויף זאגט רש"י אויפן פלאץ (ע"פ שבת פו א): "וכל עליותיו בהשכמה היו, שנאמר (שמות לד ד) וישכם משה בבוקר ויעל אל הר סיני". פלעגט דער ביאלער רבי בעל 'חלקת יהושע' זאגן אז דער לשון פון רש"י: "וכל עליותיו בהשכמה" איז פאר אונז מרומז, אז יעדער וואס וויל שטייגן אין עבודת ה' זאל ער מקפיד זיין אויף "השכמת בית המדרש".

'קדושת חלקת יהושע'

### די מעלה 'ישראל' איז העכער פון יעדער 'לשון'

"וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר תְּדַבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" (יט ו)

די מיטלסטע ברכה פון 'שמונה עשרה' פון די שלש רגלים הייבט זיך אן מיט די ווערטער: "אתה בחרתנו מכל העמים... ורוממתנו מכל הלשונות". לכאורה די טייטש פון די ווערטער "בחרתנו מכל העמים", איז פונקט ווי די טייטש פון די ווערטער "ורוממתנו מכל הלשונות", איז פארוואס דאפלען מיר?

**ערקלערט דער רבי ר' בונם פון פאשיסחא:**

דער וואס וויל ארויסברענגען די מעלה פון א געוויסע זאך, קען עס טון אויף אלע שפראכן. אויך אויב עס איז דא אזאך וואס אויף א געוויסע שפראך וועט מען עס נישט קענען ריכטיג ארויסברענגען, וועט מען שטענדיג טרעפן א אנדערע שפראך וואס מען וועט עס יא קענען ארויסזאגן ריכטיג. עס איז פארהאן איין זאך וואס זיין מעלה קען מען נישט ריכטיג ארויסברענגען אויף קיין שום שפראך, דאס איז די 'אידישע פאלק'. און דאס איז די כוונה אין די צוגעלייגטע ווערטער: "ורוממתנו מכל הלשונות" - אזוי דערהויבן איז די מעלה פון כלל ישראל, אזוי ווייט אז אין קיין שום שפראך איז נישטא די ריכטיגע ווערטער וואס זאלן קענען ארויסברענגען איר מעלה אויפן בעסטן אופן.

'קול שמחה' ליקוטים

### 'וכל מאמינים שהוא עונה לחש'

"וְכָל הָעָם רֹאִים אֶת הַקּוֹלֹת וְאֶת הַלַּפִּידִם וְאֵת קוֹל הַשֹּׁפָר וְאֶת הָהָר עָשֵׁן וַיַּרְא הָעָם וַיָּנֻעוּ וַיַּעַמְדוּ מֵרָחֹק... וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים" (כ טו-יח)

אין בית המדרש פון **רבי נתן אדלער** האט זיך אמאל געמאכט א געוואלדיגע התעוררות בשעת'ן דאווענען; אלע תלמידים האבן זיך געשאקעלט און געדאווענט הויעך, אז דער גאנצער בית המדרש האט זיך געשאקעלט, אבער איינער איז אנדערשט געווען, דער וואס איז שפעטער באקאנט געווארן אלס דער 'חתם סופר', איז געשטאנען אומבאוועגליך, ווען זיינע ליפן שאקלען זיך און זיין שטימע הערט זיך נישט.

נאכן דאווענען האט רבי נתן גערופן זיינע תלמידים און זיי געזאגט דעם פסוק: "וְכָל הָעָם רֹאִים אֶת הַקּוֹלֹת וְאֶת הַלַּפִּידִם וְאֵת קוֹל הַשֹּׁפָר וְאֶת הָהָר עָשֵׁן וַיַּרְא הָעָם וַיָּנֻעוּ וַיַּעַמְדוּ מֵרָחֹק", אבער אויף זיין גרויסן תלמיד רבי משה סופר [דער 'חתם סופר'] האט ער פארגעליינט דער המשך פון דער פסוק: "וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים".

'רשומים בשמך' [מהגרי"ש אונגאר] עמ' תמז

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### נענה ונשמע – ברכות און אמן

דער שבת - 'שבת קבלת התורה', ליינען מיר איבער מעמד הר סיני, דער דערהויבענער מעמד וואס מיר אלע זענען דארט געווען און זיין צייכן איז ארייגעקריצט אין אונזערע נשמות ביזן היינטיגן טאג. אין דעם ערשטן דיבור פון די עשרת הדברות: "אנכי ה' אלקיך", זענען מיר באפוילן געווארן גלייבן אז דער וועלט האט א בורא און א מנהיג. די מצוה איז איינס פון די זעקס מצוות תמידיות, וואס אנדערשט פון רוב מצוות וואס זענען אנגעהאנגען אין א געוויסע צייט, פלאץ אדער אין פארשידענע סיבות, די מצוה איז א שטענדיגע, און אין יעדע צייט וואס דער מענטש טראכט פון מציאות ה', איז ער מקיים די מצוה.

בעפאר מען איז מקיים די מצוה האט מען נישט מתקן געווען זאגן אויף דעם א עקסטערע ברכה, אבער אנשטאט דעם האבן מיר באקומען די גרעסטע מתנה, די מתנה פון אמן. יא! די גאנצע מצוה פון ענטפערן אמן נאך ברכות און תפילות האט מען מתקן געווען צוליב די מצוה פון אמונה. אזוי ווי דער 'מגלה עמוקות' (פר' האזינו) שרייבט: "כי עיקר האמונה תלויה בעניית אמן".

יעדע 'אמן' וואס מיר ענטפערן פירט אונז ארויף נאך א טרעפל אין די טרעפ פון אמונה, און באהעפט אונז צו די קייט פון אמונה וואס האלט אן דאס אידישע פאלק דורי דורות ביזן היינטיגן טאג. אויב מיר ווילן אז די פייער פון אמונה זאל ברענען אין אונזערע הערצער טאג און נאכט אזוי ווי אין די פריערדיגע דורות, דארפן מיר מקפיד זיין ענטפערן אמן אזוי ווי זיי האבן מקפיד געווען. עס קען זיין אז די צוויי זאכן זענען אנגעהאנגען איינס אין צווייטן - די ירידת הדורות און די ירידה אין די חשיבות פון ענטפערן גייען פאראלעל.

רבי יהודה בן יקר, דער רבי פון רמב"ן, שרייבט אז 'אמ"ן' איז ראשי תיבות פון: "**אז מסיני נצטוו**" (מוסף פון שבת). דער פאקט קען אונז לערנען אז שוין אין הר סיני, און ווי געזאגט - ביים ערשטן דיבור פון די עשרת הדברות, זענען מיר באפוילן געווארן צו ענטפערן אמן וואס דורך דעם קענען מיר מקיים זיין די מצוה פון אמונה ווי עס דארף צו זיין.

אין די וואכן וואס מיר ליינען איבער דער רוף פון אונזערע עלטערן אויפן בארג סיני: "נעשה ונשמע", איז זיכער פאסיג מיר זאלן אויך אויסרופן: "**נענה ונשמע**...". מיר וועלן מקפיד זיין צוהערן צו ברכות און ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, און דורך מחזק זיין די יסודות פון אונזער אמונה וועלן מיר געהאלפן און אויסגעלייזט ווערן בקרוב.

מיט די וואונטש "נענה ונשמע"
א גוט שבת!

יעקב דוב מארמארשטיין

# געלויבט אז איך קען זאגן – שלא עשני גוי

די פאלגענדע ערציילונג איז נישט פון די סארט ערציילונגען וואס מען קען ליינען און פארזעצן ווייטער די וועג, דאס איז פון די סארט ערציילונגען וואס לאזן איבער די ליינער מיט א טיפן דרהער. דאס איז א ערשטיערטע און צעטרייסלדיגע ערציילונג פון די ערליכע גיורת פרוי י.א., א אמבאסעדערין אין איינע פון די פרעמדע אמבאסאדעס אין ארץ ישראל, וואס אין א געוויסן טאג האט אין איר אנגעהויבן ברענען א רצון צו ווערן א טייל פון די עם הנבחר, אבער ביז זי האט צו דעם זוכה געווען איז זי געצווינגען געווען אדורכגיין א פארדרייטע וועג פיל מיט השגחה-פרטית. צענדליגער יארן זענען אדורך ביז זי האט זוכה געווען פארווירקליכן דעם חלום און געבוירן ווערן פון דאסניי ווי א ערליכע אידענע אין די הייליגע לאנד.

און אזוי דערציילט פרוי י.א.:

איך בין געבוירן געווארן אין איינס פון די לאטיין-אמעריקאנער לענדער, צו א גוי'שע פאמיליע. אין עלטער פון פערצן יאר, בין איך געבעטן געווארן אין שולע וואו איך האב געלערנט צוגרייטן א אויספארשונג אויף די אפשטאם פון אונזער פאמיליע, וואס ווערט גערופן: "אפשטאם - אויפגאבע".

ווען איך בין געגאנגען צו די הויז פון מיין באבע פון מיין טאטע'ס זייט איר אויספרעגן אויף דיווארצלען פון אונזער פאמיליע, בין איך איבערראשט געווארן זעענדיג די טרייסל וואס האט איר ארומגענומען; "געוויסע איינצעלהייטן אין דיין יחוס וועט אייביג בלייבן באהאלטן" - האט זי מיר געזאגט, און צוכאפן אז דווקא דער זאץ וואס זי האט געזאגט דאס האט אונטערגעצינדן מיין נייגער.


דער אידישער צענטער אין סאַן דזשאָסע, די הויפט-שטאט פון קאָסטאַרקאָ שטייט ליידיג

אין די ראם פון דעם פראיעקט, האבן מיר געלערנט אויף פארשידענע רעליגיעס, אריינגערעכנט די אידישע רעליגיע. צווישן אנדערע האט מען אונז געלערנט אז די אידן טיילן אפ צווישן פלייש און מילך, צינדן ליכט און דעקן צו די קעפ. זעענדיג מיין באבע'ס דערשראקענעם געשטאלט, האב איך זיך דערמאנט אז זי אליין טוט די דאזיגע מנהגים, און מיטאמאל האט איך פארשטאנען דעם אפטייטש פון איר שרעק.

איך האב זיך אנגעגארטלט מיט דרייסט און געפרעגט: "דו ביזסט א אידענע?", און זי האט אראפגעבויגן איר קאפ און האט געזאגט: "מיר האבן נישט ליב רעדן איבער דעם...", און פון דער מינוט האט מען מער נישט געמעגט רעדן איבער די טעמע אין אונזער הויז. איך האב פארשטאנען אז איך האב אין זיך אידישע ווארצלען, און פון טאג צו טאג איז מיר שווער געווען פארזעצן צו לעבן ווי א גוי'טע.

אויסערליך איז מיין לעבן אנגעגאנגען ווי געווענליך.

אין עלטער פון צוואנציג יאר האט מען מיך חתונה געמאכט מיט א דארטיגער יונג און עס איז אונז אויך געבוירן געווארן א טאכטער. אבער דער ווילן צו וויסן האט ווייטער געקאכט אין מיר. איין טאג האב איך זיך געקויפט א סידור איבערגעזעצט אויף שפאניש, 'ברכת שלמה' איז זיין נאמען, און איך בין געגאנגען מיט דעם צום דארטיגן ארטאדאקסישן שול. אבער דארטן האט מען מיך שטארק אפגעווארפן, און צוליב פארשטענדליכע סיבות - ווייל אין יענע לאנד האט דאס געזעץ גע'אסר'ט אויספירן א גירות אדער צורעדן איינעם צו דעם.

אין דעם מאמענט האב איך געדארפט, לכאורה, 'ארויסטרעטן פון דער געיעג', אבער דער רצון אין מיר האט נישט נאכגעלאזט. איך האב געקויפט נאך און נאך ספרים, פון וועלכע איך האב געלערנט וועגן שבת און כשרות, פון טאג צו טאג האב איך צוגעלייגט נאך א מצוה און נאך א מצוה. אין א געוויסע שטאפל האב איך געדארפט פארלאזן מיין הויז און לעבן אליין מיט מיין טאכטער'ל.

אין דער קליינער הויז וואו מיר האבן געוואוינט האב איך זיך שוין געפירט אסאך אידישע מנהגים, אלעס וואס איך האב געוואוסט. מיין טאכטער איז אויפגעוואקסן אלס א ריכטיגע אידישע טאכטער, און זיך נאר געדארפט מגייר זיין...

איך האב געוואוסט, אז כדי צו פארענדיגן די אויפגאבע און זיך מגייר זיין, דארף איך פארן קיין ארץ ישראל, אבער געלט פאר א בילעט האב איך נישט געהאט. איך האב באשלאסן אנהייבן שפארן א פיאסטער נאך א פיאסטער. מיט צוויי יאר שפעטער האב איך געזען א מעלדונג אין נאמען פונעם דארטיגן אויסערן-מיניסטעריום, וואס האט אנגעטראגן צו צאלן די פולע קאסטן פון לערנען אין ארץ ישראל א באזונדערע געזעלשאפט-טעמע פאר די וואס זענען געאייגנט צו דעם.

איך האב געפילט אז די פארשלאג איז געקומען צו מיר פון הימל. איך האב געהאט די ריכטיגע הינטערגרונד צו דעם, איך האב זיך געוואנדן און געדאווענט עס זאל אנגענומען ווערן. אין איין אינדערפרי האב איך זיך אויפגעוועקט פון א חלום וואס מען האט מיר דערציילט אז מען האט מיך אנגענומען. מיט עטליכע שעה שפעטער האט מען מיר טאקע געמאלדן אז איך בין אנגענומען געווארן צו זיין דארט א סטודענט.

וויבאלד די קאסטן פון די טיקעט איז נישט געווען אריינגערעכנט אין דעם, האב איך גערופן א רייזע-אגענטור און זיך נאכגעפרעגט אויף דעם פרייז פון א בילעט קיין ארץ ישראל, און מען האט מיר געזאגט אז די פרייז איז $1698 - א ריזיגע סומע לויט די דארטיגע באגריפן. ווען איך האב גערופן אין באנק פרעגן וויפיל איך האב שוין אפגעשפארט בין איך געווארן אין שאק - די סומע איז געווען פונקט 1698 דאללער! אין דעם האב איך געזען א אפענעם השגחה פרטית.

איך בין געפארן קיין ארץ ישראל זיך באטייליגן אין א פראגראם וואס האט געדארפט געדויערן בערך צוויי חדשים. דער ערשטער פלאץ אין מיין רייזע איז געווען דער כותל המערבי. לאנגע שעה'ן האב איך פארברענגט מיט דאווענען נעבן די אלטע שטיינער. איך האב געבעטן פון גא-ט דריי בקשות: איך זאל זוכה זיין זיך מגייר זיין, איך זאל זוכה זיין אויפבויען א ערליכע אידישע הויז, און איך זאל זוכה זיין וואוינען אויף אייביג אין ארץ ישראל.

היינט קען איך זאגן מיט א צופרידנקייט אז מיינע דריי בקשות זענען אנגענומען געווארן.

איך בין צוריקגעפארן צו מיין היים-לאנד נאכן ענדיגן לערנען מיט גרויס ערפאלג. א שטיק צייט נאכן זיך צוריק קערן האב איך זיך אנגעהויבן צו פארנעמען מיט דעם געזעלשאפט פראיעקט, וואס איך האב געהאט שטודירט. בחסדי שמים האט די הצלחה מיר געשיינט און מיין נאמען האט גוט אפגעקלינגען און האט דערגרייכט ביז צו די אויערן פון די הויפט באאמטע אינעם ארטיגן אויסערן-מיניסטעריום. נאך א קורצע צייט, האט מען מיר פלוצלינג פארגעשלאגן נאכאמאל פארן קיין ארץ ישראל, דאס מאל צו דינען אין א גרויסע דיפלאמאטישע פאזיציע אין די אמבאסאדע פון מיין לאנד אין ארץ ישראל, א פאזיציע וואס איך האב נאך ביז היינט צו טאג.

איך בין ארויף קיין ארץ ישראל מיט מיין טאכטער, דאס מאל מיטן ציל וואוינען דארט, און ווי נאר מיר זענען אנגעקומען, האבן מיר זיך געוואנדן צו איינע פון די באקאנטע בתי דין אין בני ברק כדי אנצוהייבן דעם גירות-פראצעס.

איך קען נישט דערמאנען די וואונדערליכע נסים פון ה' מיט מיר; בשעת'ן אנקומען קיין ישראל האט מען אנטדעקט אן ערנסטע מעדיצינישע פראבלעם אין מיין בלוט. איך בין געשיקט געווארן צו איינער פון די ספעציאליסטן אין דעם פעלד און ער האט מיך באפוילן זיין אונטער א מעדיצינישע אויפזוכט וואס האט אין זיך אריינגערעכנט גרונטליכע בלוט טעסטן יעדע דריי וואכן. דורכאויס א לענגערע צייט האט זיך די מצב נישט פארבעסערט.

ווען מיר האבן פארענדיגט די גאנצע פראצעס פון זיך מגייר זיין, האב איך ממש געפילט אז איך בין געבוירן געווארן פון דאסניי, דאס איז א שטארקער געפיל וואס איז שווער ערקלערן אין ווערטער. עטליכע טעג שפעטער האב איך געטון די געווענליכע טעסטן, דאס מאל אלס א ריכטיגע אידענע. ווען איך בין צוריק צום דאקטאר ער זאל איבערקוקן די רעזולטאטן איז ער געווען אין שאק און קוים געקענט רעדן; "דיין בלוט האט זיך געטוישט" - האט ער מיר געזאגט, "איך האב נישט אנדערע ווערטער צו ערקלערן. דיין קראנקייט איז אינגאנצן פארהוילן געווארן".

איך בין פיל מיט לויב צו ה', אבער איך אליין האב עס פארשטאנען טרוקענערהייט: א גר וואס איז זיך מגייר איז ווי א קליין קינד וואס איז געבוירן פון דאסניי".

פרוי י.א. ענדיגט אירע ווערטער מיט א שטארקער דערהער וואס זי וויל איבערגעבן פארן ציבור:

איינע פון די ברכות השחר איז די ברכה וואס אסאך זאגן עס כמעט אן צולייגן קאפ און הארץ: "ברוך... שלא עשני גוי". עטליכע יאר בעפאר איך האב זיך מגייר געווען פלעג איך שוין זאגן 'ברכות השחר', אבער די ברכה האב איך נישט געקענט זאגן. אין די אלע יארן האב איך געווארט און ארויסגעקוקט זוכה זיין אנקומען צו די צייט וואס איך וועל קענען זאגן די ברכה, אין די צייט וואס ענק זענען זוכה עס זאגן יעדן אינדערפרי.

לאמיר געדענקען אז די געוואלדיגע מתנה - געבוירן ווערן אלס קינדער פון דעם עם נבחר, איז די מערסטע וויכטיגסטע מתנה וואס מיר האבן באקומען פונעם באשעפער, און מיר דארפן געדענקען לויבן אויף דעם יעדן אינדערפרי פון טיפן הארץ.

# ברכו אמוני

## א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה 'גבורות'

### די מקור פון די ברכה

די צווייטע ברכה פון די 'שמונה עשרה' ווערט אנגערופן ביי די חכמים (מגילה יז ב) 'ברכת גבורות'. די חכמים (מגילה שם) לערנען ארויס אז מען דארף זאגן די ברכה 'גבורות' נאך די ברכה פון 'אבות', פון דער פסוק וואס הייבט אן דעם קאפיטל כט אין תהלים [וואס אנטקעגן דעם האט מען אוועקגעשטעלט די שמונה עשרה (ברכות כח א)]: "מִזְמוֹר לְדָוִד הָבוּ לַה' בְּנֵי אֵלִים - הָבוּ לַה' כָּבוֹד וָעֹז", אין אנהויב דערמאנט פאר ה' די שטארקע פון דער וועלט, ד.ז. די אבות הקדושים, און באלד נאך זיי דערמאנט מען זיין שטארקייט.

א טעם פארוואס מען דארף זאגן די ברכה גבורות באלד נאך די ברכה פון אבות זאגט דער צל"ח (ברכות ל ב): ווייל די ברכה פון 'אבות' ברענגט ארויס די ענוה פון הקב"ה; סיי מיטן זאגן ביי אנהויב די ברכה אז דער באשעפער האט מייחד געווען זיין נאמען אויף אונזערע הייליגע אבות - ווי כאילו אין דעם איז אנגעהאנגען זיין כבוד, און סיי מיטן זאגן ביי די ענדע ברכה: "ומביא גואל לבני בניהם למען שמו" - ווי כאילו די הייליגקייט פון זיין נאמען איז אנגעהאנגען אין די גאולה. דעריבער איז פאסיג מען זאל באלד זאגן די ברכה וואס ברענגט ארויס גבורות ה', מיר זאלן נישט מסיח דעת זיין פון גדלות הבורא, אזוי ווי די חכמים האבן געזאגט (מגילה לא א): "כל מקום שאתה מוצא גבורתו של הקדוש ברוך הוא - אתה מוצא ענוותנותו".

### די געבוי פון די ברכה

דריי מאל ווערט דערמאנט תחיית המתים אין די ברכה: "מחיה מתים אתה רב להושיע"; "מכלכל חיים בחסד מחיה מתים ברחמים רבים; "ונאמן אתה להחיות מתים". דער אבודרהם ערקלערט (שם) אז דריי 'תחיות' זענען דא מרומז; די ערשטע - צוריק געבן די נשמה צום קערפער יעדן אינדערפריה, די צווייטע - ברענגען רעגן וואס ברענגט לעבן אויף דער וועלט, און די דריטע - תחיית המתים וואס וועט זיין לעתיד לבוא, וואס אויף דעם לאזט מען אויס: "ברוך אתה ה' מחיה המתים".

נאך ערקלערט דער ראב"ן (ברכות סי' רד) אז דער נוסח פון די ברכה איז געבויעט אויף די רייד פון די חכמים (תענית ב א) אז עס זענען פאראן דריי 'מפתחות' וואס זענען אנגעהאנגען אין די גבורה פון ה' ית' און זענען נישט איבערגעגעבן געווארן אין די הענט פון א שליח: "מפתח של גשמים, מפתח של חיה [געבוירן], ומפתח של תחיית המתים". "מחיה מתים אתה" - אקעגן די שליסל פון 'תחיית המתים', "משיב הרוח ומוריד הגשם" - אקעגן דער שליסל פון 'גשמים', און "מחיה מתים ברחמים רבים" - דאס זענען די פיצעלעך בעיבו"ס - אקעגן די שליסל פון 'חיה'.

### די באדייט פון די ברכה

די חכמים רופן אן די ברכה 'גבורות', ווייל מען דערמאנט דער לויב פון באשעפער אז ער אליין פירט דער וועלט און ער האט די מעגליכקייט טוהן וואס ער וויל, און אפילו צו טויטן און לעבעדיג מאכן, און האט נישט קיין אפהאלט, אזוי ווי עס שטייט (דברים לב לט): "רְאוּ עַתָּה כִּי אֲנִי אֲנִי הוּא וְאֵין אֱלֹהִים עִמָּדִי אֲנִי אָמִית וַאֲחַיֶּה מָחַצְתִּי וַאֲנִי אֶרְפָּא וְאֵין מִיָּדִי מַצִּיל" (שו"ת הרשב"א ח"ה סי' קטו). און טאקע אזוי, אלע דערמאנטע שבחים אין די ברכה זענען אלעס געבויעט אויף מדת הגבורה, וואס זייער ענין איז ווייזן דעם כח פון ה' און זיין מעגליכקייט צו טון אן קיין שום אפהאלט ('אבודרהם' שמונה עשרה).

דער מהרש"א (ח"א, תענית ב א) לייגט צו און ערקלערט אז אין די ברכה טון מיר באטאנען די פאקט אז גבורות ה' זענען פארקערט פון די גבורות פון א מענטש; די גבורה פון א מענטש דערקענט זיך בעיקר מיט זיין מעגליכקייט צו שעדיגן און טויטן, אבער די גבורה פון ה' דערקענט זיך מיט דעם וואס ער איז מחיה מתים און טוט גוט'ס מיט זיינע באשעפענישן.

### גבורות גשמים

די סיבה פארוואס די חכמים האבן מתקן געווען (ברכות לג א) דערמאנען "גבורות גשמים ביי תחיית המתים", איז ווייל רעגן איז אזוי ווי תחיית המתים, ווייל די רעגן און די תבואה וואס וואקסט דורך דעם ברענגט לעבן אויף דער וועלט (רש"י תענית ז א ד"ה ופליגא).

ביי די ברכה פון 'גבורות' לויבן מיר מיטן לשון "**מוריד הגשם**", דאקעגן ביי 'ברכת השנים' בעטן מיר: "ותן טל **ומטר** לברכה", ווייל ביים בעטן דארף מען בעטן אויף 'מטר' וואס געווענליך איז דאס דער נאמען פון רעגן וואס קומט לברכה, אבער ווען מיר לויבן הקב"ה אויף זיינע גבורות, דארף מען דערמאנען דער לשון 'גשם', וואס דאס איז א כינוי אויף אלע ערליי רעגן, לברכה און פארקערט ('חשק שלמה' תענית ב א).

### די כוונה פון אמן

'עס איז ריכטיג אז מיר דארפן לויבן הקב"ה אויף די תחיית המתים וואס וועט זיין לעתיד לבוא' (סידור נהורא השלם). און עס זענען דא וואס האלטן אז מען דארף אויך מכוון זיין: הלוואי, זאלן מיר צו דעם זוכה זיין ווי שנעלער (ראה 'ביאור הלכה' קכד י).

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

### הדסים משלים זיין די מאה ברכות

**"זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ" (כ ח)**

אין גמרא (שבת לג ב) ווערט געברענגט אז דערנאך וואס רבי שמעון בר יוחאי און זיין זון רבי אלעזר זענען ארויס פון די מערה, האבן זיי געזען ערב שבת ווי א עלטערער איד גייט שנעל ווען אין זיינע הענט טראגט ער צוויי בינטלעך הדסים. די צוויי תנאים האבן אים געפרעגט: 'צוליב וואס טראגסטו די הדסים?' און דער איד האט זיי געענטפערט: 'לכבוד שבת'. 'און פארוואס איז דיר נישט גענוג איין בינטל?' - האבן זיי אים ווידער געפרעגט, און ער האט זיי געענטפערט: 'איין בינטל איז אקעגן דעם פסוק: "זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ", און די צווייטע בינטל אקעגן דעם פסוק (דברים ה יב): "שָׁמוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ".

**רבי דוד שיק** בעל 'אמרי דוד' האט אזוי ערקלערט די געשפרעך וואס איז געווען צווישן די תנאים און דעם אלטן איד:

אין אנהויב האט ער געזאגט אז די הדסים זענען אים וויכטיג "לכבוד שבת"; ווייל אום שבת פעלן אסאך ברכות צו קענען אנקומען צו 'מאה ברכות' (ראה שו"ע או"ח רצ א), וויל ער זיי משלים זיין דורך די 'ברכת הריח' וואס ער וועט זאגן אויף די הדסים. אבער עס איז נאך אלץ שווער געווען פאר זיי פארוואס דארף ער צוויי בינטלעך? אויף דעם האט ער געענטפערט, אקעגן 'זכור' און 'שמור'.

'שבת שבתון' [פאקש תרס"ד] דף יא

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## די סגולה פון ענטפערן אמן

### א אוצר פון אמן

דער זוהר הקדוש (וילך רפו א) דרש'נט דעם פסוק (תהלים לא כד): "אמונים נצר ה'" אויף דער וואס איז געוואוינט ענטפערן אמן. טייטש דער 'שומר אמונים' (מאמר פתחו שערים פרק כ) אז די כוונה פון דער פסוק איז אז הקב"ה געבט אכטונג און היט אפ די 'אמן' וואס א איד ענטפערט און באהאלט עס פאר אים, עס זאל אים באשיצן און אכטונג געבן בזה ובבא.

### אמן ברענגט א רפואה

האדמו"ר רבי אהרן ראטה בעל 'שומר אמונים' זאגט:

ווען די אידן ענטפערן אמן, קומט באלד אן די שכינה הקדושה און רוהט אויף דער פלאץ, און דורך די השראת השכינה איז דער מענטש וואס ענטפערט אמן זוכה צו א רפואה שלמה - רפואת הנפש און רפואת הגוף. דער ענין איז אויך מרומז אין פסוק (שמות טו כו) "כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ"; דורך "כִּי אֲנִי" - בגימטריה 'אמן', "ה' רֹפְאֶךָ" - וועסטו זוכה זיין צו א רפואה און ישועה ('אמרי אהרן' בשלח).

און אזוי פלעגט זאגן דער משפיע רבי אליהו ראטה פאר זיינע תלמידים:

"ענק זאלן וויסן, אז דורך ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, זענען מיר משפיע אויף אונז השפעות טובות בגשמיות און ברוחניות און מען פארטרייבט די קראנקהייטן פון שטוב. יעדער מענטש דארף מאכן א ריכטיגע חשבון, וואס איז חשובער ביי אים - גיין צו דאקטורים אדער ענטפערן הויעך אמן? ווייל דאס איז א וואונדערליכע סגולה געראטעוועט ווערן פון די אלע זאכן און ברענגען א ישועה און הצלחה אין אלע ענינים" ('איש חסיד היה' עמ' רלא).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

**לכבוד די רעדאקציע 'וכל מאמינים'**

מיט באגייסטערונג האב איך געליינט די מעשה וואס איז געשטאנען אין ענקער חשוב'ע בלעטל וועגן יענעם איד וואס האט איבערגעלעבט די שוידערליכע אטאקע וואס איז פארגעקומען נעבן די כותל המערבי אין י"ז כסלו, א דאנק זיין אויפהאלטונג צו זאגן ברכות השחר בחברותא. איך וויל צוגעבן אז די השגחה פון ה' האט זיך ספעציעל אנגעזען אין דער אטאקע ווען דער גאס איז געווען גאנץ ליידיג אקעגן אזא צייט, און דער טעראריסט איז געווען באוואפנט מיט א אויטאמאטישער שיסער, אויב וואלט דער מצב אנדערש געווען, וואלט געקענט זיין א פיל גרעסערער אומגליק חלילה.

ענק האבן זוכה געווען ברענגען די ערציילונג פון איינער וואס וואלט געדארפט זיין דארט. און אויף א פערזענליכן טאן, אייביג ווער איך איבערגענומען צו ליינען איבער השגחה פרטית וואס א איד איז זוכה א דאנק ענטפערן אמן. דאס מאל ווען איך האב געלייענט די מעשה, איז מיר פונקט ארויפגעקומען אויפן געדאנק דער פסוק (שה"ש ב ט): "הנה זה עומד אחר כתלינו משגיח מן החלונות מציץ מן החרכים", ווען איך האב אריינגעטראכט, האב איך באמערקט, אז די ראשי תיבות: "עומד אחר כתלינו", זענען בגימטריה 'אמן', און טאקע דער איד, וואס האט מקפיד געווען ענטפערן אמן ביים כותל המערבי, האט זוכה געווען צו א געטליכע השגחה און א ספעציעלע שוץ.

דאס איז די געלעגנהייט פאר מיר אויסדריקן דאנקבארקייט און שעצונג אויף די וואונדערליכער שמירה וואס נעמט ארום דעם גאנצן אידישן פאלק א דאנק ענקערע אקטיוויטעטן.

**בברכה נאמנה**

**י.ז. - מודיעין עילית**

מען קען שיקן בריוו צו די פאקס: 08-9746102

אדער צו די אימעיל אדרעס

9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


דער ביאלער רבי בעל 'חלקת יהושע' זי"ע

## דער 'חלקת יהושע'

### כ"א שבט תשמ"ב

האדמו"ר רבי יחיאל יהושע ראבינאוויטש פון ביאלא, בעל 'חלקת יהושע', איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער האדמו"ר רבי ירחמיאל צבי פון שעדליץ אין ה' טבת תרס"א, אין עלטער פון פינף יאר איז זיין פאטער נפטר געווארן און אין יאר תרפ"ד איז ער פארבעטן געווארן צו ערפילן זיין פלאץ. ווען די נאצים זענען אריין אין פולין אין יאר תרצ"ט איז ער אנטלאפן צו א געגנט וואס איז געווען אונטער די רוסן, און איז פארטריבן געווארן קיין סיביר, דארט האט ער זיך מוסר נפש געווען אויף קיום התורה והמצוות און האט נישט מוותר געווען אויף אלע זיינע הייליגע הנהגות.

אין יאר תש"ז איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין תל אביב, און אין יאר תשט"ו איז ער אריבער וואוינען אין ירושלים. ער איז געווען געשעצט ביי יעדן, און באזונדער מיט זיינע ערליכע תפילות וואס זענען געדאווענט געווארן מיט א ברען און התלהבות. אויף זיין ציון אין הר הזיתים איז אויפגעשריבן: "כל ימיו התפלל לישועתן של ישראל".

### א ברכה אן קיין אמן – א פלג גופא

"זאגן ברכות השחר פאר איינעם וואס וועט ענטפערן אמן, ווי באקאנט פון די קדושי' עליון אז א ברכה אן אמן, איז ממש א פלג גופא" ('חלקת יהושע תקנות והנהגות' עמ' סא)

### דער וואס זאגט א ברכה אויפן קול ווערט אנגענומען זיין תפילה

מען זאגן א ברכה בקול רם, ווייל אויסער וואס דער קול איז מעורר די כוונה, איז ער מיט דעם מזכה די צוהערער מיט ענטפערן אמן. דער וואס איז מקפיד זאגן הויעך ווערן זיינע תפילות געהערט אין הימל ('חלקת יהושע' האזינו).